**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/24/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שטעלט אוועק וועבזייטל מיט הילפס-מיטלען פאר דעם אוקריינישן פאלק און זייערע אליאירטע אין ניו יארק

***הילפס-מיטלען האבן אריינגערעכנט שטיצע סערוויסעס, אימיגראציע הילף, גייסטישע שטיצע, הומאניטערישע הילף און אינפארמאציע אויף וויאזוי ארויסצווייזן אייער שטיצע***

***באזוכט דעם וועבזייטל דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס איינפירן א נייע וועבזייטל וואס אנטהאלט הילפס-מיטלען אנגעבאטן דורך ניו יארק סטעיט און איר צוזאמארבעטער צו העלפן דעם אוקריינישן פאלק און זייערע פריינט און אליאירטע דא אין ניו יארק. דאס טוט נאכפאלגן די גאווערנער׳ס מעלדונג צו באווארענען קאנסומענטן איבער שווינדלערייען און סייבער-סעקיוריטי דראונגען בשעת רוסלאנד׳ס אינוואזיע פון אוקריינע. אויף נאך מער צו ווייזן אונזער שטיצע, האט דער גאווערנער אויך געמאלדן אז דער אוקריינישער פאן וועט געהאנגען ווערן אויף דער קאפיטאל געביידע, דעם עקזעקיוטיוו פאלאץ, און דער דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס הויפטקווארטיר.

״אוקריינע׳ס ווידערשטאנד קעגן וולאדימיר פוטין׳ס טיראנישקייט אין אן אינספיראציע פאר דער גאנצער וועלט, און פילע ניו יארקער טוען שוין זייער חלק צו שטיצן הומאניטערישע באמיאונגען,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״אין אזעלכע סארט מאמענטן, שטייען שטענדיג ניו יארקער אינאיינעם אויף צו שטיצן די נויטבאדערפטיגע. מיר שטאלצירן זיך צו באזארגן טרויליכע הילפס-מיטלען פאר די וועלכע ווילן צוגעבן א האנט פאר אונזערע אוקריינישע ברודער און שוועסטער דא אין ניו יארק.״

די פאראדענונג קומט אין אינדערמיט פון גאווערנער האקול׳ס אנגייענדע באמיאונגען צו שטיצן אוקריינע. פאריגע וואך האט דער גאווערנער געמאלדן אן עקזעקיוטיוו באפעל צו פארבאטן סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן פון קאנטראקטירן מיט קערפערשאפטן וועלכע מאכן ווייטער געשעפטן אין רוסלאנד. אין אנהייב מערץ, האט גאווערנער האקול געמאלדן אקציעס צו פארשטערקערן דער דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (DFS) אינפארסירונג פון סאנקציעס קעגן רוסלאנד, אריינגערעכנט פארשנעלערטע פארשאפונג פון נאך בלאָקטשעין אנאליזירונג טעכנאלאגיע. אין פעברואר האט גאווערנער האקול באפוילן אלע סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן צו דיוועסטירן פובליק געלטער פון רוסלאנד און אפשטעלן האנדלעריי מיט רוסישע קאמפאניס.

הילפס-מיטלען פאראן אויפ׳ן וועבזייטל נעמען אריין:

**שטיצע סערוויסעס**

דער אפיס פאר נייע אמעריקאנער (ONA) גיבט פארשידענע ערליי בחינם׳דיגע שטיצע סערוויסעס צו אלע אימיגראנטן און פליטים אין ניו יארק סטעיט, אפגעזעהן זייער סטאטוס, ווי צום ביישפיל:

- צוטריט צו בחינם׳דיגע שטיצע אריינגערעכנט אזיל אנווענדליכקייט און דעפארטאציע באשיצונג דורך איר נעטוואָרק פון לעגאלע סערוויס פראָווײדערס
- ענגלישע שפראך קורסן דורך איר נעטוואָרק פון געלעגנהייט צענטערס
- צוטריט צו גייסטישע געזונט שטיצע גרופעס דורך איר גאלדענער טיר פראגראם
- ארבעטסקראפט גרייטקייט מיטלען רעכענען אריין רעזומעי שרייבן, דיגיטאלע פעאיגקייטן, און קרעדענציאל אפשאצונג
- שטיצע פאר צוטריט צו דעוועלאפמענטאלע דיסאַביליטי סערוויסעס דורך דער ONA ראמירעז יוני איניציאטיוו

באזוכט דעם אפיס פאר נייע אמעריקאנער וועבזייטל דא אדער פארבינדט אייך מיט זייער האטליין ביי 1-800-566-7636. דער ניו יארק סטעיט נייע אמעריקאנער האטליין פארבינדט אימיגראנטן און פליטים מיט אומזיסטע סערוויסעס לענגאויס דעם סטעיט. די האטליין אפעראציע גייט פון 9:00 אינדערפרי ביז 8:00 אוונט, מאנטאג ביז פרייטאג, אויסער האָלידעיס. אלע קאָלס זענען קאנפידענציעל. הילף איז פאראן אין איבער 200 שפראכן, אריינגערעכנט אוקרייניש און רוסיש.

אויב איר זענט אן אמעריקאנער בירגער אין אוקריינע, האט דער יו-עס סטעיט דעפארטמענט הילפס-מיטלען פאר די וועלכע ווילן ארויספארן. זיי טוען אויך אנבאטן אנווייזונגען איבער רייזע אומשטענדן און לאנד גרעניצן פאר ארומיגע לענדער אריינגערעכנט פוילן, רומעניע, אונגארן, סלאוואקיי און מאלדאווע.

אמעריקאנער בירגער אין אוקריינע זאלן אויספילן דעם אָנליין פארמולאר כדי אז דער סטעיט דעפארטמענט קען זיך מיט אייך פארבינדן. אמעריקאנער בירגער וועלכע זוכן אפצופארן פון אוקריינע קענען אויך רופן 1-833-741-2777 (אין די פאראייניגטע שטאטן) אדער 1-606-260-4379 (פון אויסלאנד) פאר באלדיגע הילף. איר קענט אויך באזוכן דעם ׳אוקריינע קריזיס׳ בלאט אויף דעם סטעיט דעפארטמענט׳ס וועבזייטל דא.

די קאנסולאט גענעראל פון אוקריינע אין ניו יארק באזארגט איצט קאנסולאר סערוויסעס. אבער אלע קאנסולאר סערוויסעס וועלכע פאדערן באקומען דאקומענטן פון אוקריינע, אריינגערעכנט דאס ארויסגעבן נייע פאספארטן און וויזע סערוויסעס, זענען פארלויפיג אפגעשטעלט ביז עס וועט אנדערש אויסגעמאלדן ווערן.

אויב איר האט וויזע אדער פאספארט פראגעס קענט איר זיך פארבינדן מיט דעם קאנסול גענעראל דורך אימעיל׳ען gc_usn@mfa.gov.ua אדער רופן 212-371-6965 אדער 212-371-5690.

אוקריינער אין ניו יארק און די וועלכע מאכן מיט אן עמערדזשענסי צושטאנד (ווי צ.ב.ש. פארהאלטן געווארן) קענען רופן דעם קאנסול׳ס האטליין נומער אויף 917-325-1444 פאר הילף.

**אימיגראציע הילף**

באשיצונגען קענען מעגליך זיין צו באקומען פאר בארעכטיגטע אוקריינער וועלכע געפונען זיך שוין אין אמעריקע. אלס רעזולטאט פון די רוסישע מיליטערישע אינוואזיע, האט דער ׳דעפארטמענט פון האומלענד סעקיוריטי׳ געמאלדן דאס באשטימען צייטווייליגע באשיצטע סטאטוס (TPS) פאר אוקריינע

אויף 18 חדשים. מענטשן בארעכטיגט פאר TPS אונטער דער דעזיגנאציע מוזן האבן געוואוינט אנגייענד אין די פאראייניגטע שטאטן זינט מערץ 1, 2022. אוקריינער בארעכטיגט פאר TPS קענען זיך פארבינדן מיט דעם ניו יארק סטעיט נייע אמעריקאנער האטליין פאר בחינם׳דיגע לעגאלע הילף אויף 1-800-566-7636.

אויב איר זענט לעצטנס געשאנקען געווארן אזיל, טוט דער אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף אנבאטן, דורך קאנטראקטירטע פראָווידערס, אומזיסטע סערוויסעס צו אזיל-זוכער לענגאויס ניו יארק סטעיט.

באזוכט א פּראָווידער אין אייער געגנט וועלכע קען אייך העלפן מיט:

- טרעפן באשעפטיגונג
- בחינם׳דיגע געזונטהייט אונטערזוכונג און אימוניזאציעס
- צוטריט צו אנדערע שטיצע סערוויסעס

טרעפן א פראָווידער אין אייער געגנט דא און זיך לערנען מער איבער פליטים סערוויסעס און הילף פאר אימיגראנטן דא.

**גייסטישע שטיצע**

אויב איר דארפט 24-שעה טעלעפאן שטיצע: איר קענט זיך פארבינדן מיט דעם סובסטאנץ באניץ און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אדמיניסטראציע (SAMHSA) קאטאסטראפע דרוק העלפליין דורך רופן 1-800-985-5990. רופער קענען זיך פארבינדן מיט קאונסעלארס פאר שטיצע אין 100+ שפראכן דורך 3׳טע פארטיי איבערזעצן, אריינגערעכנט אין אוקרייניש און רוסיש.

אויב איר דארפט א 24-שעה קריזיס טעקסט ליין: טעקסט 5GOT צו 741741 אויף זיך צו באהעפטן מיט א קריזיס קאונסעלאר.

פאר 24-שעה שטיצע פאר טויבע אדער שווער-הערנדע אמעריקאנע שטים-שפראך ניצער: דער נאציאנאלער קאטאסטראפע העלפליין (DDH) טוט איצט אנבאטן דירעקט קריזיס קאונסלינג און שטיצע פאר טויבע אדער שווער-הערנדע אמעריקאנע שטים-שפראך באניצער דורך א געאייגנטע ווידעאו-טעלעפאן אפציע. קאטאסטראפע איבערלעבער און אפרופער קענען זיך פארבינדן מיט טרעניריטע DDH קריזיס ארבעטער פליסיג אין ASL דורך רופן 1-800-985-5990 פון א ווידעאו-טעלעפאן ערמעגליכטע כלי אדער דורך אן ״ASL נאו״ לינק וועלכע קען באקומען צוטריט ביי DisasterDistress.samhsa.gov.

**הומאניטערישע הילף**

זעט אויסצומיידן שווינדלערייען. סיי ווען עס פאסירט ערגעץ א קאטאסטראפע, לאקערן שווינדלער אויף די ווייכע הערצער פון מענטשן וועלכע זוכן צו העלפן. די אינוואזיע פון אוקריינע גיבט נאך א געלעגנהייט פאר שווינדלער איפצושטעלן פאלשע צדקה ארגאניזאציעס אדער זיך פארשטעלן ווי קריגס געליטענע. אנדערע שטעלן אוועק וועבזייטלעך נאכצומאכן א לעגיטימע צדקה ארגאניזאציע׳ס אפיציעלע וועבזייטל צו גנב׳ענען געלט און / אדער פערזענליכע אינפארמאציע פון אומוויסנדע נדבנים.

אויף צו פארמיידן נדבה געלטער פון אריינפאלן אין נישט ריכטיגע הענט, רעקאמענדירט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קאנסומער באשיצונג די פאלגענדע באווארענישן:

- **פעסטשטעלן דעם פארלאנג.** שווינדלער שטעלן זיך פאר געוועגטליך ווי פריינט, פאמיליע אדער ליבע אינטערעסן אויף סאָושעל מידיע און בעטן נדבות. אויב איר באקומט אן אומגעבעטענע פארלאנג פאר ביישטייערונג פארלייכטערונג אויפ׳ן אינטערנעט, אפילו אויב עס זעט אויס צו זיין פון עמיצן וואס איר קענט, פארבינדט אייך מיט אייער באקאנטער דירעקט דורך אן אנדערן קאמוניקאציע מיטל פעסטצושטעלן דעם פארלאנג. דרוקט נישט אויף קיין שום לינקס אדער אויספילן סיי וועלכע פארמולארן בעפאר פעסטשטעלן דעם מקור. אויב דער פארלאנג קומט פון עמיצן מיט וועם איר זענט בלויז לעצטנס באקאנט געווארן אויפ׳ן אינטערנעט, איז עס גאנץ מעגליך א שווינדלעריי און איר זאלט זיין ספעציעל פארזיכטיג.
- **פארשט אויס דעם צדקה צוועק.** פארלאזט זיך נישט בלויז אויף א צדקה צוועק וועבזייטל. זוכט אויס אויפ׳ן אינטערנעט בעפאר איר גיבט א נדבה פאר סיי וועלכע צוועק ניצנדיג דעם נומען פון דער גרופע צוזאמען מיט זוך טערמינען ווי ׳ריוויו׳ אדער ׳סקעם׳. די פעדעראלע האנדלס קאמיסיע רעקאמענדירט נאכקוקן אויף [charitywatch.org](charitywatch.org), [charitynavigator.org](charitynavigator.org), [give.org](give.org), אדער [candid.org](candid.org) צו זען באריכטן און אפשאצונגען פאר צדקה צוועקן. איר קענט אייך נאכקוקן ביי דעם ׳אינטערנאל רעוועניו סערוויס׳ (IRS) אויף צו פעסטשטעלן צי דער צדקה צוועק איז רעגיסטרירט. דער אפיס פון דעם אטורני גענעראל רעקאמענדירט אויך איבערצוקוקן די [רשימה פון צדקה ארגאניזאציעס](#) פאר פינאנציעלע באריכטן בעפאר׳ן ביישטייערן כדי צו פארזיכערן אז דער צדקה צוועק איז פינאנציעל אויסגעהאלטן.
- **האלט אייך קעגן דרוק טאקטיקן.** כאטש די אומשטענדן זענען דרינגענד, זאלן קאנסומערס זיך קעגנשטעלן דרוק אויף צו תיכף ביישטייערן. שווינדלער דרוקן אייך אפטמאל ביישטייערן תיכף, וועלכס פאראורזאכט פאר אייך צו פארזען פארדעכדיגטע צייכנס אין זייער געשיכטע. זייט באווארנט איבער דירעקט אימעיל פון ״קרבנות״ און די געלט-בעטער וועלכע ניצן הארץ-רייסנדע דערציילונגען, און דרוקן אויף אייך זאפארט צו ביישטייערן. גיבט נישט קיין געלטער דורכ׳ן טעלעפאן פאר אומגעבעטענע טעלעמארקעטירער; בעט ענדערש דעם רופער אייך צו שיקן שריפטליכע מאטריאלן איבער דעם צדקה צוועק און וואו צו ביישטייערן, אויב איר ווילט.
- **האלט אפגעהיטן פערזענליכע אינפארמאציע.** גיבט קיינמאל נישט ארויס אייער סאָושעל סעקיוריטי נומער, קרעדיט קארטל אדער דעביט קארטל נומער, אדער אנדערע פערזענליך אינדעטיפיצירנדע אינפארמאציע אלס ענטפער צו אן אומגעבעטענע נדבה פארלאנג. אויב גיבט איר א נדבה אויפ׳ן אינטערנעט, מאכט זיכער אז אייער אינטערנעט קאָנעקשען איז זיכער איידער איר גיבט נאך אויף א פארלאנג פאר א נדבה.
- **פרעגט וויאזוי אייער געלט וועט אויסגעגעבן ווערן.** קאנסומערס ווילן וויסן אז זייערע געלטער גייען דירעקט צו די געליטענע. א אמת׳ע צדקה צוועק דארף אייך לאזן וויסן וויפיל פון אייער נדבה וועט גיין דירעקט צו דעם פראגראם, און נישט פאר אדמיניסטראטיווע אויסגאבן.
- **גיבט א נדבה דורך א טשעק אדער קרעדיט קארטל.** גיבט נישט קיינמאל קיין נדבות מיט קעש, מתנה קארטלעך, קריפטא-געלטער, אדער סיי וועלכע אנדערע סארט מזומן וועלכע קען נישט נאכגעשפירט ווערן. גיבט אייער נדבה דורך א טשעק אדער קרעדיט קארטל צו פארזיכערן אז איר האט א רעקארד פון דער נדבה. מאכט אויס טשעקס צו דער צדקה ארגאניזאציע און נישט צו א יחיד. אויב איר וועהלט אויס מנדב צו זיין דורך א

צדקה ארגאניזאציע׳ס וועבזייטל, באקוקט אויב דער וועבזייטל איז זיכער און אז אייער קאמפיוטער איז אויסגעריכטעט מיט די לעצטע אנטי-ווירוס באשיצונג.

אויב איר פארדעכטיגט אז איר האט אנגעטראפן א פאלשע פרוואו צו באקומען נדבות, קענט איר איינגעבן א קלאגע מיט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קאנסומער באשיצונג דא.

די דיוויזיע׳ס קאנסומער הילף האטליין איז אפן מאנטאג ביז פרייטאג, אויסגעשלאסן סטעיט האָלידעיס, 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג אויף 1-800-697-1220. איר קענט אויך געפונען מער אינפארמאציע און עצות דורך נאכפאלגן די דיוויזיע פון קאנסומער באשיצונג אויף סאָושעל מידיע אויף טוויטער (@NYSConsumer) און פעיסבוק (http://www.facebook.com/nysconsumer).

**ווייזט אייער שטיצע**

ווייזט אייער שטיצע דורך דאס באניץ פון ניו יארק בראנד-געצייכנטע סאָושעל מידיע גראפיקס פאר פעיסבוק, טוויטער, אינסטעגרעם, און ׳אינסטעגרעם סטאָרי׳. איר קענט אויך שפרייטן ווארט איבער וויאזוי צו ווייזן שטיצע צו דער הומאניטערישער אפרוף דורך דעם סאָושעל מידיע געצייג-קעסטל דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן